# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:05
מוצאי שב"ק....................9:34

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................יהושע א'-ב'
בבלי..............זבחים צ"ט
ירושלמי...............נדה א'
תוספתא......בבא בתרא פרק א'
רמב"ם..............שחיטה ג'

פרשת דברים, שבת חזון, ט' אב, שנת תשע"ח לפ"ק — שנה 7, גליון 43 (354)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף.** זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט אַלֶע פֶלֶעצֶער וואו דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, ווִי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם ווִי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס פְלַאץ. אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְלַאץ בַּיי אִים, אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן צִי דִי פְלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר ווֵייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְלֶעצֶער, צוּ ווַייזְן אַז דִי פְלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוֹיל אוּן ווִילְן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ג)

***

**אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר.** מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעווַאלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג. "וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", ווַייל אוֹיבּ טְרַאכְט מֶען וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן "אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ ווַייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף ווַייטֶער, "וֶוער ווֵייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן ווַייטֶער אוּן מַצְלִיחַ זַיין?", וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתָּה עֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**, אוֹיבּ מֶען ווִיל אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה "הַיּוֹם - הַיינְט" צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוֹיבּ וֶועט מֶען טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ז)

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת חֲזוֹן - תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

<<<<<<

## א גוט ווארט

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת פַּחַד, סִימָן ד): "סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ", אַ סְגוּלָה נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן, אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט גֶעדֶענְקֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", צֶען נִסְיוֹנוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים (עַיֵּין בְּסֵפֶר הַשְּׁלָ"ה פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, אוֹת מב) אַז דִי צֶען בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען פְּרָאבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת, אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גְלֵייבְּט ווַייטֶער אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד - ווִיפִיל עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## מֶעג מֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ**
**יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

קוֹדֶם אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן אֵייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער לִימוּד מִשְׁנַיוֹת.

א. אַזוֹי וִוי סְ׳אִיז בַּאקַאנְט דִי סְגוּלָה פוּן זָאגְן חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶס הַרְגְ׳ט דֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, חֵלֶק מ״ו, ח׳רפ״א) אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן י״ט) אַז מְ׳זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ״כַּךְ וְכַךְ״, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וִויל אִיךְ וִויסְן צִי דָאס מֵיינְט דַוְקָא אַז מְ׳מוּז יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער זָאגְן חַ״י פְּרָקִים, אוּן עֶס עֶנְדִיגְן פַאר סְ׳וֶוערְט נַאכְט, אָדֶער מֵיינְט דָאס בִּכְלָלִיוֹת אַז מְ׳זָאל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה יֶעדְן חוֹדֶשׁ? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מִשְׁנַיוֹת הָאט סְגוּלוֹת סַיי וִויפִיל אוּן וִויאַזוֹי מֶען זָאגְט עֶס, אִיךְ וִויל נָאר וִויסְן לְגַבֵּי דֶעם עִנְיָן פוּן חַ״י פְּרָקִים אַ טָאג.

ב. וֶוען מְ׳זָאגְט חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶנְדִיגְט מֶען מִשְׁנַיוֹת אִין 29 טֶעג; וָואס לֶערְנְט מֶען אִינֶעם דְרַייסִיגְסְטְן טָאג פוּן אַ חוֹדֶשׁ וָואס הָאט דְרַייסִיג טֶעג?

ג. תִּשְׁעָה בְּאָב וְכַדוֹמֶה, וֶוען מְ׳טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען צוּלִיבּ אֲבֵילוּת, מֶעג מֶען זָאגְן חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת? וּבִפְרַט אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעווּאוֹינְט דָאס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג? אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן צִי מְ׳מֶעג דֶעמָאלְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אֶפְשָׁר גֵייט עֶס אַרַיין אִין כְּלַל פוּן סִפְרֵי מוּסָר וָואס דִי פּוֹסְקִים זֶענֶען דַן אִיבֶּער דֶעם אַז מְ׳מֶעג דָאס אֶפְשָׁר לֶערְנֶען אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב.

ד. אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיגֶע אוּן נִישְׁט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, וּבִפְרַט אִין דִי זוּמֶער, מֶעג מֶען דָארְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער תְּהִלִים אוּן נַ״ךְ וְכַדוֹמֶה? אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מְ׳וַוארְט אוֹיף אַ בָּאס אוֹיפְ׳ן גַאס וְכַדוֹמֶה נֶעבְּן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיגֶע פְרוֹיעֶן, מֶעג מֶען דָארְטְן לֶערְנֶען?

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס אַלֶעס קֶענֶען קְלָאר שְׁטֶעלְן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, עֲקִיבָא**

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד עֲקִיבָא נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר׳ נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן ״חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת״, אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג ״חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת״ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קפה). אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן ״חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת״ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי תּוֹרָה (הַדְרָכָה ו): ״תֹּאמַר ״חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת״ בְּלִי פֵּירוּשׁ בְּכָל יוֹם, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים; כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ״, אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהֲרַ״ם פַּאפִּירְשׁ (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת

<<<<<<

>>>>>>

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶּער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ״ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״מוֹעֵד״ - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ ״שֶׁהֶחֱיָנוּ״ אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדַאי לֵיינֶען סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״. וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״, צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ק״א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל נָאר הַרְגְ׳עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת ת״ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַּאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק א׳ וְחֵלֶק י׳ עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יוֹסֵף פוּן אוֹסְטִילָא זי״ע (אַ זוּן פוּנֶעם צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי׳לֶע נֶעשְׁכִיזֶער זי״ע) הָאט אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט אַז דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי״ע גֵייט דוּרְכְפָּארְן זַיין שְׁטָאט, אוּן עֶר גֵייט מִן הַסְּתַם זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק אַז דֶער צַדִּיק זָאל אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים.

עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער חוֹזֶה וֶועט זִיךְ וֶועלְן אַרָאפְּלֵייגְן בַּיי אִים זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַז וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בֶּעט וואוּ עֶס אִיז גֶעלִיגְן דֶערוֹיף בֶּעפָאר אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן ״עֶס שְׁטֶעכְט מִיר, דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט מִיר״ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי יוֹסֵף גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן חוֹזֶה אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס קֵיינֶער אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעלִיגְן דֶערוֹיף, אַזוֹי אַז דֶער חוֹזֶה זָאל זִיךְ רוּאִיג קֶענֶען אוֹיסְרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

עֶר הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן אַ חָשׁוּבֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ סְטָאלֶער, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַז עֶר מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע נֵייעֶ בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, אוּן עֶר וִויל אַז עֶר זָאל אִים בּוֹיעֶן אַ גוּטֶע בֶּעט, עֶר זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר עֶר בּוֹיעֶט עֶס אוּן עֶר זָאל עֶס בּוֹיעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע כַּוָונוֹת, אַז דֶער חוֹזֶה זָאל וֶועלְן שְׁלָאפְן אוֹיף אַזַא בֶּעט.

דֶער סְטָאלֶער הָאט אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט עֶר טוּן אוֹיב דֶער בֶּעט וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶעלְן פַארְן חוֹזֶה, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּזָאגְן רֶבִּי יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם בֶּעט.

יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם בֶּעט אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בֶּעט מִיט גְרוֹיס שִׁפְלוּת אוּן צוּבְּרָאכְנְקֵייט, וִויסֶענְדִיג וָואסֶערֶע צַדִּיק גֵייט לִיגְן אוֹיף דֶעם בֶּעט. וֶוען עֶר הָאט פַארֶענְדִיגְט דֶעם בֶּעט הָאט עֶר עֶס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי יוֹסֵף אִינְדֶערְהֵיים. עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶענוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלְן שְׁטוּבּ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעצוֹיגְן דֶעם בֶּעט, אוּן צוּגֶעשְׁפַּארְט דִי טִיר, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט נוּצְן דִי בֶּעט פַאר דֶער חוֹזֶה וֶועט אָנְקוּמֶען.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אוֹסְטִילָא, אִיז רֶבִּי יוֹסֵף אַנְטְקֶעגְן גֶעגַאנְגֶען דֶעם צַדִּיק אוּן אִים פַארְבֶּעטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אִים אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, דֶער חוֹזֶה הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם פַארְלַאנְג. רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם צַדִּיק אוּן אִים אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם בֶּעט זָאגֶענְדִיג אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט גוּטֶע כַּוָונוֹת, אוּן דֶער צַדִּיק קֶען זִיךְ אַוַודַאי אָפְּרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אָבֶער אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפ׳ן בֶּעט הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעשְׁרִיגְן ״גֶעוַואלְד! עֶס שְׁטֶעכְט מִיר!״, רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט, פַארְוָואס וִויל דֶער חוֹזֶה נִישְׁט לִיגְן דֶערוֹיף? עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן זַיין אֵייגְן בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, דֶער צַדִּיק מוּז זִיךְ דָאךְ אָפְּרוּעֶן, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר׳ן צַדִּיק זַיין אֵייגְן בֶּעט.

וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין בֶּעט, הָאט זִיךְ דֶער חוֹזֶה אָנְגֶערוּפְן ״דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע בֶּעט! אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ צוּ לִיגְן דָא!״ דֶער צַדִּיק הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם בֶּעט.

רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מְהַנֶּה זַיין דֶעם צַדִּיק מִיט זַיין בֶּעט, עֶס אִיז אִים אָבֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְוָואס דֶער חוֹזֶה הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט דִי נֵייעֶ בֶּעט. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם חוֹזֶה אַלֵיין, ״דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט מִיט גוּטֶע כַּוָונוֹת סְפֶּעצִיעֶל פַארְן צַדִּיק, פַארְוָואס אִיז דֶער צַדִּיק נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּנֶעם בֶּעט?״

הָאט אִים דֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע בֶּעט, אָבֶער עֶס שְׁלָאגְט פוּן אִיר אַרוֹיס אַ מָרָה שְׁחוֹרָה״, וַוייל דֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בֶּעט אִין דִי נַיין טֶעג, אוּן עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוֹיפְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ וֶועג פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם בֶּעט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה לִיגְן דֶערוֹיף.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ טְרוֹיעֶרְן מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, נָאר עֶר וֶועט אוּנְז שׁוֹין בְּקָרוֹב אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בב״א.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״ש חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

>>>>>>

יא): ״טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת בְּכָל יוֹם, וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים ח״י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד ח״י עוֹלָמוֹת מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים״, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, ״יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ״, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זֵיי, ״כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי״, וַוייל מִיטְן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, ״וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע״, אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶ׳נֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, ״גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה״, אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, יְהִי׳ מַה שֶּׁיְּהִי׳, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״; מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף ״ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת״. אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ״ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת״, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ זָאגְן ״ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת״ יֶעדְן טָאג, מֶען קֶען דָאס אַיינְטֵיילְן דוּרְכְן טָאג אוֹיף דְרֵיי טֵיילְן: זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג אוּן זֶעקְס פְּרָקִים בַּיינַאכְט. עֶס דַארְף נִישְׁט גֶעזָאגְט וֶוערְן דַוְקָא בַּייטָאג וְכוּ׳, נָאר וֶוען מֶען הָאט אַבִּיסְל צַייט בַּייטָאג אָדֶער בַּיינַאכְט זָאל מֶען אַרַיין כַאפְּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת בִּיז מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ ״ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת״.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען: ״וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד ״הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ?״ אוֹיב עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיּוֹת׳ל אִין טַאשׁ, אוּן וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ תַּלְמִיד ׳הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ׳״.

אַז מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג ״ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת״ אִיז מֶען זוֹכֶה מְסַיֵּם צוּ זַיין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן חוֹדֶשׁ גַאנְץ ״שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה״. אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): ״אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת סג.): ״לִיגְמַר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבַּר״, קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען שׁוֹין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אַסַאךְ תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת מִיטְן חוֹדֶשׁ. דָאס הֵייסְט, זֵיי הֵייבְּן אָן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נָאכְאַמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; א׳ לְחוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, גַאנְץ מַסֶּכֶת פֵּאָה אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פֶּרֶק פוּן דְמַאי, ב׳ לְחוֹדֶשׁ גֵייט מֶען וַוייטֶער מִיט מַסֶּכֶת דְמַאי, גַאנְץ מַסֶּכֶת כִּלְאַיִם אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי פְּרָקִים פוּן שְׁבִיעִית, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז מֶען אִיז מְסַיֵּם יֶעדְן חוֹדֶשׁ גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן וֶוען מֶען הַאלְט בַּיי אַ חוֹדֶשׁ וָואס הָאט דְרַייסִיג טֶעג מַאכְן זֵיי זִיךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת, דָאס לֶערְנֶען זֵיי יֶעדֶע חוֹדֶשׁ מָלֵא דֶעם דְרַייסִיגְסְטְן טָאג.

עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ וָואס גֵייעֶן נִישְׁט מַמָּשׁ אוֹיפְן טָאג פוּנֶעם חוֹדֶשׁ, נָאר גֵייעֶן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע סֵדֶר; יֶעדְן טָאג זָאגְט מֶען ״ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת״ - יֶעדֶער אֵיינֶער וואוּ עֶר הַאלְט, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם מָארְגְן, נָאר מֶען לֶעבְּט מִיטְן הַיינְטִיגְן טָאג - יֶעדְן טָאג פְּרָאבִּירְט מֶען אַרַיין צוּ כַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין וֶועג וִוי עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען קֶען זָאגְן ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב; תִּשְׁעָה בְּאָב טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקנד, סְעִיף א) וַוייל תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ טָאג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (עַיֵּין נִטְעֵי גַּבְרִיאֵל סִימָן עה, סְעִיף קָטָן יט) אַז נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶעג עֶס לֶערְנֶען תִּשְׁעָה בְּאָב נָאכְמִיטָאג.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמַר ב): ״סַךְ

<<<<<<

>>>>>>

כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה", וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵייְן פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", וֶוען מֶען חַזְרְ'ט מִשְׁנַיוֹת וֶועט גֶעעֶפְנְט וֶוערְן דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", 'יִתְנוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי טֶעג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף אַ בָּאס וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית י:): "שְׁנֵי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁמְּהַלְּכִים בַּדֶּרֶךְ, וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תּוֹרָה, רְאוּיִין לִישָּׂרֵף", וֶוען מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִיז מֶען רָאוּי פַארְבְּרֶענְט צוּ וֶוערְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוֹיפְן טְרֶעין אָדֶער אוֹיפְן בָּאס, אוֹיב הָאט עֶר נִישְׁט מִיט זִיךְ אַ סֵפֶר; אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ תְּהִילִים וְכַדוֹמֶה, וֶועט עֶר פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע. נִישְׁט נָאר מֶען מֶעג לֶערְנֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, נָאר אָן דֶעם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד, בִּפְרַט זוּמֶער וֶוען מֶען פָארְט מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע בָּאסֶעס, טְרֶעינְס וְכַדוֹמֶה לָזֶה, אוֹיב נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט אַ סֵפֶר מִיט זִיךְ וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט, נִישְׁט אֵיין מָאל נָאר יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען אַרְבֶּעט אִין אַ פְּלַאץ מִיט גוֹיִם וְכוּ' אוּן מֶען ווִיל נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, מֶען הָאט נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

BreslevCenter.com\answers


# אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן
עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; באסעס
פון קיוב קיין אומאן און צוריק; און נאך
~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד
אלי קנאלל
718-506-4341
Plan it Rite
Travel the right way


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מסיבת לחיים/ווארט/תנאים פון א תלמיד הישיבה אין קעמפ

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען אין קעמפ א שיינע שמחה ווען הבחור החשוב אלכסנדר ראטה נ"י בן מו"ה זאב אלימלך הי"ו פון וויליאמסבורג, איז א חתן געווארן עב"ג די טאכטער פון מו"ה יודל טירנויער הי"ו מחשובי אנ"ש פון בארא פארק. עס זענען זיך צוזאם געקומען פילע קרובי המשפחה חברים און ידידים, צו אנווינטשן פאר'ן חתן און די מחותנים.

אנשטאט צו מאכן א באזונדערע מסיבת תנאים מיט די אלע קאפ ווייטאג און שאדן פון אידיש געלט וואס די אלע מסיבות ברענגען געווענליך מיט; די מחותנים, די חתן כלה, און די געשוויסטער דארפן זיך פריש אויסשטאפירן, מ'דארף דינגען א זאל, קויפן בלומען, מטריח זיין די קרובים און ידידים איינמאל און נאכאמאל ארויס צו קומען, אנשטאט דעם האט מען געמאכט דעם שידוך שליסן/לחיים/ווארט/תנאים וכו' אויף איין מאל אויף א באַ'חנ'טן און באשיידענעם פארנעם, אינעם היכל הבית המדרש אין קעמפ.

דער חתן נ"י האט פלייסיג געלערנט אין ישיבה די לעצטע פאר יאר, וואו ער האט זיך משלים געווען אין תורה אויף גאר א הערליכן פארנעם, ער האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, אויך האט ער שוין געענדיגט איבער 70 מאל משניות. 101 מאל מסכת תענית, אויסער זיינע פילע אנדערע שיעורים, און אפילו אינעם טאג פון זיין שידוך שליסן/תנאים, האט ער נאך ארייגעכאפט צו לערנען אלע זיינע טעגליכע שיעורים. פון די אנדערע זייט איז דער חתן אויך געשטאנען צו הילף פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אין אלע ענינים, בפרט איז ער געווען זייער הילפבאר אין ארויסגעבן די הערליכע סידי'ס "טאנץ מיט אמונה", מיט וואס אזויפיל אידישע קינדער זענען זיך מחי'.

די כלה תחי' איז א תלמידה פון "בית פיגא ברסלב", וואו מ'לערנט מיט די מיידלעך נאר אמונה און יראת שמים, זיי הערן ווי נאריש דאס איז אויסצוגעבן אידיש געלט אויף שמחות אין די וועלט אריין, דער עיקר איז נאר אויפצושטעלן א אידישע שטוב און אריינברענגען דארט דעם אייבערשטן, און דעריבער האט זי אויך געבעטן די עלטערן אז מ'זאל זיך שפארן ווי מער אידיש געלט, און נישט מאכן אויפרייסערישע שמחות וואס ברענגט נישט קיין הנאה פאר קיינעם.

סיי דער חתן און סיי די כלה האבן זוכה געווען צו זיין אין יבנאל ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע, און דארט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים ברציפות, אזוי ווי מוהרא"ש האט מבטיח געווען און געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מציבה, אז ווער ס'וועט קומען צו זיין קבר מתפלל זיין וועט ער זיך אנשטרענגען יענעם א טובה צו טון אין הימל, ובפרט ווען א בחור אדער מיידל וועט קומען צו זיין קבר און אויסזאגן דארט ספר תהלים ברציפות און מתפלל זיין פאר א שידוך, זאגט ער צו אז ער וועט ארבעטן פאר זיי און זען זיי זאלן טרעפן זייער שידוך בקרוב ובניקל.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל ברענגען נאך שמחות ביי אלע אידישע קינדער גרינגערהייט און געזונטערהייט.

**ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל!**

***

## העפטיגע בוי ארבעט צו פארענדיגן דעם נייעם בנין אין אומאן

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך, וועט דער נייער בנין אין אומאן זיין אי"ה גרייט אויף דעם קומענדיגן ראש השנה תשע"ט. אין די יעצטיגע צייט גייט אן די העפטיגע בוי ארבעט צוצוענדיגן די פארבליבענע חלקים פונעם בנין צו די צופרידנהייט פון אנשי שלומינו.

די וואך האט מען געארבעט אויף די מקוה, מען האט זיך פארבינדן קיין ירושלים עיה"ק צום גרויסן מומחה אין די קאמפליצירטע סוגיא פון הלכות מקוואות, הרה"ג ר' דוד מינצבערג שליט"א וואס ספעציאליזירט זיך אין מקוואות, און בפרט אין מקוואות אין אייראפע, (עס איז כדי אנצוצייכענען אז רוב מקוואות אין אומאן איז געמאכט געווארן אונטער זיין אויפזיכט) וואס איז א גאנצן צייט געווען בקשר מיט די בויער און אונטערנעמער, און געגעבן זיינע הלכה'דיגע און פראקטישע אנווייזונגען וויאזוי צו מאכן די מקוה אויפן בעסטן און אויסגעהאלטענסטע וועג למהדרין מן המהדרין.

די מקוה האט צוויי מהודר'דיגע בורות מי גשמים, יעצט ווען מען האט געהאלטן ביים גיסן די בורות, איז ער ספעציעל געקומען צו פליען, זיכער צו מאכן אז עס ווערט געמאכט אויף די ריכטיגע וועג, און וועט בעז"ה קומען נאכאמאל פאר ראש השנה, איבערצוקוקן צי אלעס איז אין ארדענונג און געבן זיין הכשר סטעמפל.

אנשי שלומינו וועלכע ווילן מיטהאלטן דעם ראש השנה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, דארפן זיך זייער צואיילן, בלויז עטליכע בעטן זענען נאך פארבליבן, צו באשטעלן קען מען רופן 347-452-0412 וכל הקודם זכה.

דער רבי האט געזאגט אז צו זיין ראש השנה ביי אים איז גרעסער פון אלעס, "מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן", און דער רבי האט צוגעזאגט זייער גרויסע הבטחות פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ'שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אינטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ'וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!**

מופץ ע"י מערכת ברסלב גלובל

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**מו"ה מיכאל אלטמאן הי"ו**
**צו די געבורט פון א מיידל למז"ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**הבה"ח סענדי ראטה נ"י**
**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך >** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּעפּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**